# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן
דורך בני אמונים



## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף אמן און דאווענען אין די פרשה

### 'כי הוא צוה ונבראו' - נישט ווי די פארקרומטע מיינונג

"וַיֵּלֶךְ וַיַּעֲבֹד אֱלֹהִים אֲחֵרִים וַיִּשְׁתַּחוּ לָהֶם וְלַשֶּׁמֶשׁ אוֹ לַיָּרֵחַ אוֹ לְכָל צְבָא הַשָּׁמַיִם אֲשֶׁר לֹא צִוִּיתִי" (יז ג)

רבי יחזקאל אברהמסקי זאגט:

רש"י טייטש: "אֲשֶׁר לֹא צִוִּיתִי" - "לעבדם", זיי צו דינען. אבער פון חז"ל (מגילה ט ב) זעט אויס אז די גוים האבן פארדרייט דעם פשט און געטייטש: "אֲשֶׁר לֹא צִוִּיתִי" - זיי זאלן באשאפן ווערן. ווי עס מיינט צו זאגן אז אלע באלייכטער וואס זענען אויפן הימל זענען באשאפן געווארן אקעגן דעם ווילן פון ה', און צוליב דעם האבן זיי א טעות און טראכטן ווי זיי האבן עפעס א געטליכן כח.

אקעגן זייער פארקרומטע מיינונג זאגן מיר יעדן אינדערפריה ביי שחרית: "הַלְלוּהוּ שֶׁמֶשׁ וְיָרֵחַ הַלְלוּהוּ כָּל כּוֹכְבֵי אוֹר...; כִּי הוּא צִוָּה וְנִבְרָאוּ" (תהלים קמח ג;ה). און מ'קען מוסיף זיין, אז דאווענען ותיקין האט אין זיך אויך די מעלה אז אין די צייט וואס די זון הייבט אן ארויסגעבן איר שיין, רופט מען באלד אויס אז הקב"ה האט עס באשאפן און נאר צו אים מעג מען זיך בוקן.

'חזון יחזקאל' תנ"ך עמ' שס

### 'שלא אכשל בדבר הלכה' - זאגן 'על טמא טהור'

"וּבָאתָ אֶל הַכֹּהֲנִים הַלְוִיִּם וְאֶל הַשֹּׁפֵט אֲשֶׁר יִהְיֶה בַּיָּמִים הָהֵם וְדָרַשְׁתָּ וְהִגִּידוּ לְךָ אֵת דְּבַר הַמִּשְׁפָּט" (יז ט)

אויפן טיש פון רבי ר' שמעלקא פון ניקלשבורג איז ארויפגעברענגט געווארן א שאלה איבער די כשרות פון א בהמה וואס איז גע'שחט'ן געווארן אין זיין שטאט. דער רבי האט באטראכט די שטיקל פלייש וואס איז פאר אים געברענגט געווארן, און טראץ מצד הדין האט אים אויסגעזען אז עס איז כשר, איז ער נישט מסוגל געווען צו פסק'ענען אזוי, און האט געבעטן מ'זאל אים ברענגען די אנדערע חלקים פון די בהמה. און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז אין א געוויסע טייל פון די בהמה האט מען געטראפן א אנדערע שאלה וואס צוליב דעם האט ער עס געמוזט טרפ'ענען.

מיט די מעשה האט דער 'חידושי הרי"ם' געטייטש דעם דאפלטן לשון פון די באקאנטע תפילה פון רבי נחוניה בן הקנה וואס מ'זאגט בכניסתו לבית המדרש (ברכות כח ב): "ולא אכשל בדבר הלכה... ולא אומר על טמא - טהור, ולא על טהור - טמא"; לכאורה, דערנאך וואס ער האט שוין געבעטן: "ולא אכשל בדבר הלכה", פארוואס דארף ער עקסטער ארויסזאגן: "ולא אומר על טמא - טהור" וכו'?

לויט די אויבנדערמאנטע מעשה קען מען טייטשן אז אויסער וואס רבי נחוניה האט געבעטן: "ולא אכשל בדבר הלכה" - ד.מ. פסק'ענען נישט ריכטיג ביי שאלה וואס וועט פאר מיר געברענגט ווערן, האט ער עקסטער צוגעלייגט: "ולא אומר על טמא טהור" - אז אויך אויב עס וועט אונטערקומען א שאלה וואס קוקט אויס 'טהור', אבער צוליב א זייטיגע אומבאקאנטע סיבה איז עס 'טמא', זאל איך נישט נכשל ווערן און פסק'ענען אויף דעם: "טהור".

'שמן הטוב' סיפורים ח"ב אות ד; 'מאיר עיני הגולה' אות רחצ

### די 'צדק' דארף מען נאכיאגן זיי צו מקיים זיין

"צֶדֶק צֶדֶק תִּרְדֹּף" (טז כ)

דער דראהביטשער רב **רבי אליהו הוראשאווסקי** זאגט:

מיר טרעפן אין זוהר הקדוש (תיקו"ז חדש קלב א) אז די ווארט 'צדקה' איז א רמז אויף די צאל פון פיר דברים שבקדושה וואס דער מענטש דארף מקיים זיין יעדן טאג, וואס זיי זענען: צ' אמנים, ד' קדושות, ק' ברכות און ה' חומשי תורה - די ראשי תיבות פון 'צדק"ה'.

לערנען תורה קען מען אויך יוצא זיין דורך שטיצן די לומדי תורה (זעה טור יו"ד רמו), אבער ברכות, אמנים און קדושות איז ער מחויב אליין צו זאגן. און דאס איז דער פסוק דא מרמז: "צֶדֶק צֶדֶק תִּרְדֹּף" - די דריי זאכן וואס זענען מרומז אין די ווארט 'צד"ק' דארפסטו אליין 'תרדוף' זיי צו מקיים זיין און זיך נישט פארלאזן אויף אנדערע.

'אזור אליהו'

### די תפילה פון יעקב איז אנגעהאנגען אין די מצוה פון 'כאשר זמם'

"וְלֹא תָחוֹס עֵינֶךָ...; כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶךָ וְרָאִיתָ סוּס וָרֶכֶב עַם רַב מִמְּךָ לֹא תִירָא מֵהֶם כִּי ה' אֱלֹקֶיךָ עִמָּךְ הַמַּעַלְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם" (יט כא; כ א):

זאגט דער 'חתם סופר':

פון דעם וואס די תורה האט געשריבן די באפעל פון: "וְלֹא תָחוֹס עֵינֶךָ" שטראפן דעם עד זומם "כאשר זמם לעשות לאחיו", נעבן דער פסוק: "כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶךָ", דאס לערנט אונז אז אויב די אידן האבן רחמנות אויף די עדים זוממים און שטראפן זיי נישט אזוי ווי די תורה האט באפוילן, ווערן זיי חלילה געשטראפט מיט א מלחמה (זעה 'ילקוט שמעוני' שופטים תתקכג).

די סיבה פארוואס פונקט דער שטראף קומט אויף זיי, ערקלערט דער 'חתם סופר' לויט וואס די חכמים זאגן (מגילה ו א) אז יעקב אבינו האט געדאווענט צום אייבערשטן: "אַל תִּתֵּן ה' מַאֲוַיֵּי רָשָׁע זְמָמוֹ אַל תָּפֵק" (תהלים קמ ט), אויף עשו'ס קינדער וואס ווילן אונז פארטיליגן, און ווען נישט די תפילה פון יעקב, וואלטן זיי חרוב געמאכט די גאנצע וועלט. לויט דעם קען מען זאגן אז דער שטראף קומט זיך 'מידה כנגד מידה'; אין די צייט וואס יעקב'ס קינדער געבן אכטונג אויף דער דין פון 'עדים זוממים', האלט אפ הקב"ה אז עשו זאל חלילה נישט קענען שלעכט'ס טון. אבער אויב חלילה, זיי געבן נישט אכטונג אויף דעם, וועט הקב"ה נישט אפהאלטן זייער פיינט פון צו אויספירן זייער ווילן.

'תורת משה'

### 'הושענא' אין זכות פון קריאת שמע בזמנה

"וְאָמַר אֲלֵהֶם שְׁמַע יִשְׂרָאֵל אַתֶּם קְרֵבִים הַיּוֹם לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֵיכֶם אַל יֵרַךְ לְבַבְכֶם אַל תִּירְאוּ וְאַל תַּחְפְּזוּ וְאַל תַּעַרְצוּ מִפְּנֵיהֶם" (כ ג)

"אפילו אין בכם זכות, אלא קריאת שמע בלבד, כדאי אתם שיושיע אתכם" (רש"י, ע"פ סוטה מב א).

אין מסכת ברכות (ה א) זאגן די חכמים: "לעולם ירגיז אדם יצר טוב על יצר הרע... אם נצחו - מוטב, ואם לאו - יעסוק בתורה... אם נצחו - מוטב, ואם לאו - יקרא קריאת שמע". פון די גמרא זעט מען אז דער כח פון קריאת שמע צו קענען בייקומען דעם יצר הרע איז גרעסער פון דער כח פון תלמוד תורה, און ווער עס האט נישט מצליח געווען זיך צו שטארקן אויפן יצר הרע מיטן כח התורה, קען אים בייקומען דורך קריאת שמע. אויף דעם זאגט **רבי פנחס הורוויץ** בעל ההפלאה, אז די מעלה איז נאר אויב מ'ליינט קריאת שמע בזמנה, וואס אויף דעם זאגן די חכמים (שם י ב): גדול הקורא קריאת שמע בעונתה [אין איר צייט] יותר מהעוסק בתורה".

דאס זעלבע זאך קען מען אויך זאגן אויף דעם וואס רש"י ברענגט דא אראפ אז דער זכות פון קריאת שמע באשיצט אויף די וואס גייען ארויס צו די מלחמה, איז נאר אויב מ'ליינט קריאת שמע בזמנה. און מ'קען צולייגן אז דאס בעטן מיר ביי די הושענות: "הושענא שלש שעות", הושענא אין זכות וואס מיר ליינען אינדערפריה קריאת שמע בזמנה - וואס ציט זיך ביז די דריטע שעה אין טאג (שו"ע או"ח נח א).

'פנים יפות' דברים יא יג; 'אבני חפץ' הושענא רבא אות תרפ

## "שַׁחַר אֲבַקֶּשְׁךָ צוּרִי וּמִשְׂגַּבִּי"



### "אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ אֵין לָנוּ מֶלֶךְ אֶלָּא אָתָּה"

די חכמים זאגן (שבת קיט ב) אז די דריי אותיות פון די ווארט 'אמן' זענען אקעגן די דריי ווערטער: "א-ל מלך נאמן", און רש"י ערקלערט (שם ד"ה א-ל) אז דער וואס ענטפערט אמן "מעיד על בוראו, שהוא א-ל מלך נאמן".



### "אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ קְרַע רֹעַ גְּזַר דִּינֵנוּ"

די חכמים זאגן (תיקו"ז מ א): העונה אמן בכל כוחו קורעין לו גזר דינו של שבעים שנה (תיקו"ז מ א).



**טייערער איד! ווילסט פארמערן זכותים לכבוד דעם יום הדין וואס דערנענטערט זיך?**

יעדן טאג זאלסטו קומען פריה אין שול צו זאגן די ברכות השחר מיט א חברותא און דורך דעם וועסטו זאמלען אסאך אמן'ס וואס זייער טייערקייט וועט דיר צוניץ קומען ביים יום הדין.

# אוצרות אמונים

אוצרות איבער די מעלה
פון ענטפערן אמן

## 'גדול העונה אמן יותר מן המברך'
### א סעריע ערלערונגען (ד)

**עס איז באקאנט דער מאמר חז"ל** (ברכות נג ב)**: "רבי יוסי אומר: 'גדול העונה אמן יותר מן המברך'. און אסאך וואונדערן זיך: לכאורה דער מברך איז דאך דער וואס לויבט און דאנקט, און דער וואס ענטפערט אמן טוט נאר צושטימען און באשטעטיגן זיינע ווערטער. אויב אזוי פארוואס זאגט רבי יוסי אז די מעלה פון דער וואס ענטפערט אמן איז מער פון דער מברך?**

**אין די פריערדיגע בלעטל'עך האבן מיר געברענגט א קייט פון ערקלערונגען פון די מאורי הדורות, יעצט וועלן מיר פארזעצן און ברענגען נאך ערקלערונגען וואס ערקלערן דער ענין. ווען מיר וועלן זיך מתבונן זיין אין די ווערטער וועלן מיר זען אז יעדער תירוץ און ערקלערונג טוט קלאר מאכן און אויסשארפן א געוויסע פונקט אין די מעלה פון ענטפערן אמן. די אלע תירוצים צוזאמען זענען ווי א שטארקע פראדזשעקטאר וואס טוט באלייכטן די געוואלדיגע מעלה פון ענטפערן אמן.**

### טו. אמן - 'מצווה ועושה'

די חכמים זאגן (קידושין לא א): "גדול מצווה ועושה ממי שאינו מצווה ועושה". ד.מ. אז דער שכר פון איינער וואס איז מקיים א מצוה וואס ער איז מחויב מיט דעם, איז גרעסער פון דער שכר פון דער וואס טוט א מצוה וואס ער איז נישט מחויב. ווייל דער וואס איז א מצווה ועושה שטארקט זיך דער יצר הרע אויף אים, און ער דארף זיך אנגארטלען מיט א שטערקערן כח מלחמה צו האלטן אקעגן אים (ריטב"א שם).

לויט דעם ערקלערט **רבי שלמה קלוגער**: דער וואס זאגט א ברכה פון די ברכות הנהנין איז ער אין גדר פון 'אינו מצווה ועושה'. ווייל ער וואלט געקענט פארמיידן די הנאה און דעמאלטס וואלט ער אינגאנצן נישט געדארפט זאגן א ברכה. דאקעגן דער וואס ענטפערט אמן איז בגדר 'מצווה ועושה' ווייל דער וואס הערט א ברכה איז מחויב מצד הדין צו ענטפערן אמן. דעריבער "גדול העונה אמן" - וואס ער איז א 'מצוה ועושה' ביי אלע ברכות, "יותר מן המברך" - וואס אין א טייל פון די ברכות איז ער אין די גדר פון 'אינו מצווה ועושה' (שו"ת 'שנות חיים' קונטרס דרך החיים דרך חמישי).

### טז. אמן - לויבן אויף די טובה פון א צווייטן

דער 'תפארת שלמה' ערקלערט: ווען יתרו איז געקומען צו די אידן נאך די גרויסע ניסים וואס זענען געווען ביי יציאת מצרים, האט ער געזאגט (שמות יח י): "בָּרוּךְ ה' אֲשֶׁר הִצִּיל אֶתְכֶם מִיַּד מִצְרַיִם וּמִיַּד פַּרְעֹה". דרש'ענען די חכמים (סנהדרין צד א): "גנאי הוא למשה וששים ריבוא שלא אמרו 'ברוך', עד שבא יתרו ואמר 'ברוך ה'". לכאורה דארף מען פארשטיין: די אידן האבן דאך געלויבט ביי די לאנגע און דערהויבענע שירה וואס זיי האבן געזאגט נאך קריעת ים סוף, און וואס איז אז זיי האבן נישט געזאגט 'ברוך'? נאר קען מען ענטפערן, כאטש ביי די שירה האט יעדער פון כלל ישראל געדאנקט מיט די גאנצע הארץ אויף זיין פריוואטע הצלה, האט יתרו צוגעלייגט אז א מענטש דארף אויך לויבן אויף א רעטענונג פון א אנדערן, ווייל ער איז דאך נישט געווען צוזאמען מיט זיי אין שעבוד מצרים, און פון דעסוועגן האט ער משבח געווען און געזאגט: "ברוך ה' אשר הציל **אתכם**".

מיר דארפן זיך לערנען פון דעם אז דער עיקר הודאה פון א מענטש דארף זיך נישט קאנצענטרירן אין די פריוואטע טובות וואס דער באשעפער טוט מיט אים, נאר אין די טובות וואס דער באשעפער שענקט פאר אלע זיינע באשעפענישן. און צוויי סיבות איז דא אין דעם: א. מיטן אינזין האבן די גוט'ס פון זיין חבר, ווייזט ער אז ער טוט פארגינען א צווייטן און פריידט זיך מיט יענעם'ס הצלחה. ב. מיטן דאנקען אויף די טובה פון א צווייטן טוט ער פארגרעסערן די לויב פונעם בורא, אז נישט נאר מיט אים טוט ער גוט'ס, נאר ער פארמערט צו גוט'ס טון מיט אלע באשעפענישן.

לויט דעם קען מען אזוי ערקלערן: ביי אסאך ברכות לויבט דער מברך נאר אויף זיינע פריוואטע טובות וואס ה' האט אים געשאנקען. צ.ב.ש. ביי די ברכות השחר לויבט מען איינס נאכן אנדערן אויף די אלע גוט'ס וואס דער באשעפער שענקט אים יעדן טאג, אבער ער לויבט נאר אויף זיין פריוואטע טובה. אנדערשט איז דער וואס ענטפערט אמן און מיט דעם לויבט ער אויף די גוט'ס וואס דער אנדערער האט באקומען, קומט אויס אז די דרגה פון זיין הודאה איז גרעסער פון די דרגה פון דער מברך, און וועגן דעם זאגן די חכמים אז גדול העונה יותר מן המברך ('תפארת שלמה' שער התפילה).

### יז. אמן - א דאנק פון טיפן הארץ

האדמו"ר רבי יעקב אריה מראדזימין האט צוגעשטעלט די ענין פון ענטפערן אמן צו די פרייד וואס קומט ארויס פון איינער וואס איז זוכה חתונה מאכן א קינד. אין די צייט פון שמחה שטורעמען זיינע געפילן, ער פילט מיט זיין גאנצע לייב און לעבן די אלע חסדים פון ה' וואס טון אים באגלייטן אין לויף פון די אלע יארן, פון ווען זיין קינד איז געבוירן געווארן ביז ער איז יעצט זוכה אים צו פירן אונטער די חופה. אבער ער דערציילט נישט די אלע חסדים פון ה', נאר זיין שמחה קומט ארויס פון די טיפענישן פון זיין הארץ מיט א 'קול ששון וקול שמחה' אינמיטן ווען ער טאנצט מיט גרויס פרייד. די שמחה וואס דערקענט זיך אויף אים דערציילן אן קיין ווערטער די ניסים פון ה' און די פולע חסדים וואס ער האט זוכה געווען צו זען אין לויף פון אלע יארן. די חשיבות פון די הודאה איז געוואלדיג, ווייל אויב וואלט ער אויסגערעכנט אלע חסדים וואס ה' האט אים געשאנקען, וואלטן זיינע געפילן אפגעקילט געווארן, און די לויב און די שמחה וואלט נישט געקומען פון טיפן הארץ.

אזוי אויך דער מברך רעכנט אויס און איז מאריך ביי זיין הודאה. זאגן די אלע ווערטער שוואכט אפ די געפילן פון לויב און זיי קומען נישט ארויס פון טיפן הארץ. אבער דער וואס ענטפערט אמן טוט קאנצענטרירן אין אייןווארט אלע זיינע לויב-געפילן און וועגן דעם קומט עס ארויס פון טיפן הארץ מיט פרייד און הכרת הטוב. וועגן דעם איז די דרגה פון דער וואס ענטפערט אמן גרעסער פון דער מברך ('ביכורי אבי"ב' כי תבוא).

### יח. אמן - יראת הרוממות

עס איז פארהאן נאך א ערקלערונג אין דעם: ווי עס איז באקאנט זענען דא צוויי דרגות אין 'יראת שמים' - 'יראת העונש' און 'יראת הרוממות'. 'יראת העונש' באדייט אז דער מענטש איז מקיים די מצוות פון די תורה ווייל ער האט מורא ער זאל נישט געשטראפט ווערן. אזא יראה איז גרינג צו דערגרייכן, ווייל די נאטור פון מענטשן איז מורא צו האבן פון א שטראף און טון השתדלות זיי זאלן נישט געשטראפט ווערן. דאקעגן 'יראת הרוממות' באדייט אז דער מענטש איז מקיים די מצוות ווייל ער געבט אכטונג אויף די כבוד פון השי"ת און זיין גרויסקייט; אזא יראה איז שווער צו דערגרייכן ווייל דאס פאדערט פונעם מענטש ער זאל שטענדיג זיך מתבונן זיין אין זיין שפלות און זיין נישטיגקייט אקעגן די גרויסקייט און דערהויבנקייט פונעם באשעפער ('מסילת ישרים' פרק כד).

אויך אין די חלק המעשה איז דא א חילוק צווישן די צוויי מדריגות: דער וואס דינט מ'יראת העונש' וועט געווענליך מקיים זיין די מצוות פונקט אזוי ווי ער איז באפוילן געווארן, ער וועט נישט מהדר זיין בשעת'ן מקיים זיין, און פארשטייט זיך אז ער וועט נישט נאכזוכן אזעלעכע מצוות וואס ער איז נישט מחויב אין זיי, ווייל מיט דעם וואס ער האט מקיים געווען וואס עס ליגט אויף אים איז ער רואיג וויסנדיג אז ער וועט נישט באשטראפט ווערן. דאקעגן דער וואס האט זוכה געווען צו די מדריגה פון 'יראת הרוממות', וועט מקיים זיין יעדע מצוה מיט די גרעסטע מאס הידור, און וועט נאכזוכן אזעלעכע מצוות וואס ער איז נישט מחויב אין זיי, כדי ער זאל מער דערהייבן דעם כבוד פון השי"ת.

לויט דעם, דער וואס וויל הערן נאך און נאך ברכות כדי צו ענטפערן אמן אויף זיי, כאטש מצד הדין איז ער נישט מחויב מיט דעם, ווייזט ער ארויס אז ער דינט השי"ת מיט יראת הרוממות. דאקעגן דער מברך איז ווי איינער וואס טוט נאר וואס עס ליגט אויף אים צו טון, און זיין טון קען אויך קומען פון די נידריגע דרגה פון יראה - 'יראת העונש', און וועגן דעם איז ענטפערן אמן גרעסער פון די ברכה ('ציצית הכנף' [לרא"ד בלוך] דף יז).

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## נישט דערלייגט די אודיענץ אין זכות פון א דאווענען וואס האט זיך פארשפעטיגט

דער גרויסער גאון וצדיק רבי בנימין מענדלזאהן זצ"ל גאב"ד קוממיות, איז געווען באקאנט מיט זיין געוואלדיגע איבערגעגעבנקייט אויף די הייליגע מצוה פון שמיטה. אין די תקופה וואס אפהיטן שמיטה בכל פרטיה ודקדוקיה אין ארץ הקודש איז געווען שטארק פארלאזט, האט דער רב געגרינדערט און אוועקגעשטעלט דעם באקאנטן 'קרן השביעית' ארגאניזאציע וואס עקזיסטירט נאך און טוט אסאך אויף ביזן היינטיגן טאג - וואס איז אויפגעשטעלט געווארן מיט א ציל צו העלפן די שומרי שביעית אין ארץ הקודש.

אין די יארן וואס דאס אידישע ישוב אין ארץ הקודש האט זיך באנייט, אויך פון צווישן די פארמער וואס האבן געוואלט מקיים די מצוה פון שמיטה, גאר ווייניג פון זיי האבן מסכים געווען עס צו מקיים זיין גענצליך, רוב פון זיי האבן זיך פארלאזט אויף פארשידענע שוואכע היתרים וואס האט ערמעגליכט צו ארבעטן אין זייערע פעלדער אויך אין די זיבעטע יאר. די ציינער פון די אקער-אייזן האבן פארגעזעצט צו מאכן שפאלטענ'ס אין די ערד וואס האט געווארט אויף מנוחה, אזוי ווי די תורה האט באפוילן.

דער מצב וואס האט ווי געטון פאר אסאך פון די ערליכע אידן, האט זיי ערוועקט זיי זאלן טון אלעס וואס זיי קענען כדי איבער צורעדן נאך און נאך פארמער צו היטן די מצוה פון שמיטה בכל פרטיה ודקדוקיה. רבי בנימין מענדלזאהן, 'דער קוממיות'ער רב', אויסער וואס ער האט אסאך געטון מיט איבעררעדן און באאיינפלוסן די פארמער צו הייבן די כבוד פון אט די מצוה פון שמיטה אין ארץ הקודש, פארשטייענדיג דעם גרויסן פינאנציעלן ניסיון וואס איז געשטאנען פאר די פארמער וואס האבן געוואלט האלטן שמיטה, האט ער געזארגט אויפשטעלן א עקסטערן 'פונד' צו קענען צושטעלן פינאנציעלע הילף פאר די גיבורי כח וואס האבן באשלאסן אפהאקן זייער מקור פרנסה אין לויף פון א גאנצע יאר און מער כדי צו מקיים זיין דעם רצון ה'.

אזוי, אויסער זיין געוואלדיגע איבערגעגעבנקייט אויפצוקלערן די מצוה פון שמיטה צווישן די פארמער, האט רבי בנימין זיך שטארק אריינגעלייגט מעורר זיין דעם דעת הקהל וואס ארבעט נישט אין פעלדער זאלן נעמען א טייל אין די מצוה פון שמיטה, דורכ'ן שטיצן דעם 'קרן השביעית' וואס האט געגעבן א פינאנציעלען רוקן פאר די פארמער די גיבורי כח. ווען אין זכות פון די אקטיוויטעטן האט זיך די צאל פון די ערליכע פארמער פארברייטערט, איז הרב מענדלזאהן געצווינגען געווען צו נעמען די וואנדער שטעקן און ארויספארן אויף חוץ לארץ צו בעטן הילף פון די יושבי הגולה.

איין יאר איז רבי בנימין געפארן קיין לאנדאן די הויפט-שטאט פון ענגלאנד, אין באגלייטונג פון זיין מקורב און רעכטע האנט, רבי ישראל פויזנער זצ"ל, מיט א ציל צו טרעפן דארט עטליכע פארמעגליכע אידן און זיי אנשפאנען פאר 'קרן השביעית'. אין די קורצע צייט וואס זיי האבן זיך געדארפט דארט אויפהאלטן האבן זיי געפלאנט גיין באזוכן עטליכע רייכע אידן, ווען דער אנגעזעהענער פון צווישן זיי איז דער באקאנטער גביר ר' יוד'ל.

דער ר' יוד'ל איז געווען פון די גרויסע חרדי'שע גבירים אין לאנדאן. אין די פריערדיגע רייזע'ס פאר קרן השביעית האט מען פרובירט איינמאל און נאכאמאל אים צו כאפן אבער אן ערפאלג. דאס מאל האבן זיי מצליח געווען אפשמועסן מיט אים א אודיענץ, און האבן זיך געראכטן אויף א גרויסע סומע.

דער גביר האט באשטימט זיך צו טרעפן מיט זיי אין זיין אפיס צוועלעף אזייגער מיטאג, און ווייל די וועג צו פארן מיט די באהן פון נעבן די אכסניא וואו דארט האבן זיך אויפגעהאלטן רבי בנימין און זיין מקורב ביז צו סטאנציע נעבן די אפיס פון דער גביר האט געדויערט מער פון איין שעה, האט זיי געדארפט זיך ארויסלאזן אויף זייער וועג נישט שפעטער פון האלב-עלעף אינדערפריה.

אינדערפריה פון דער טאג פון די אודיענץ. רבי בנימין איז אויפגעשטאנען פריה אזוי ווי זיין שטייגער, נאך פארן צייט פון דאווענען, און האט אנגעהויבן דאווענען געלאסן, שטייט, כמונה מעות. פארן ענדיגן דאווענען האט ר' ישראל, דער מקורב פון רבי בנימין, זיך געאיילט אויסטון זיינע תפילין. ער האט געקוקט אויף זיין זייגער און האט געזען ווי די צייט רוקט זיך, אבער ער איז געצווינגען געווען צו ווארטן מיט געדולד ביז דער רב וואס דאווענט אזוי לאנג מיט א דביקות און השתפכות הנפש וועט ענדיגן.

נאר עלעף אזייגער האט דער רב געענדיגט דאווענען, אסאך צייט נאך אלע מתפללים. ר' ישראל האט זיך געאיילט אים אויפמערקן אז זיי גייען דערלייגן די אודיענץ, און ס'קען זיין אויב זיי וועלן זיך שטארק איילן וועלן זיי יא אניאגן. אבער דער רב האט געענטפערט מיט געדולד אז בעפאר ער רעדט מיט אים אויף די נסיעה דארף ער לייגן ר"ת'ס תפילין אזוי ווי זיין מנהג איז געווען, און נאר נאכדעם וועלן זיי זיך ארויסלאזן אויפן וועג.

ווען דער רב האט אויסגעטון זיינע ר"ת'ס תפילין איז שוין געווען זייער שפעט. בדרך הטבע האבן זיי אינגאנצן נישט געהאט קיין אויסזוכטן אנקומען אין צייט צו ר' יודל, אבער דער רב וואס איז געווען באקאנט מיט זיין מידת הביטחון וואס איז געווען איינגעקריצט אין זיין הארץ, האט זיך אנגערופן און געזאגט אז אויף צו מקיים זיין די מצוה פון השתדלות קען מען אויך יעצט זיך ארויסלאזן אויפן וועג.

הרב מענדלזאהן און זיין מקורב האבן זיך געאיילט צו די באהן סטאנציע און ביז ווען זיי זענען אנגעקומען צו די הויז פונעם גביר איז שוין א שפעטע נאכמיטאג שטונדע. דער הויז איז געווען טונקל, א צייכן אז דער גביר איז נישטא, אבער זיי האבן יא באשלאסן צו קלאפן אויפן טיר.

ווייל זיי האבן נישט באקומען א ענטפער, האבן זיי ביידע אנגעהויבן צוריק גיין ווען ר' ישראל רעדט מיט א צובראכן הארץ אויף דעם וואס זיי האבן פארשפעטיגט די צייט און עס איז א שאד אויף דעם, אבער דער קוממיות'ער רב האט אים מחזק געווען מיט ביטחון ווען ער דערמאנט א אלטע אידישע שפריכווארט: "דער מענטש גייט, אבער 'מה' מצעדי גבר כוננו' - שטייט".

"הקב"ה שטעלט אויס פארן מענטש די פונקטליכע צייט ווען ער זאל אנקומען צו וואו ער דארף אנקומען...", האט דער רב געזאגט מיט א שטארקייט, און ווען ער האלט אינמיטן רעדן האט זיך פלוצלינג אפגעשטעלט נעבן זיי א שיינע אויטא און פון דעם איז ארויס נישט קיין אנדערער ווי דער גביר ר' יוד'ל. ווען ער האט זיי באמערקט האט ער זיך אנגעהויבן אנטשולדיגן אז ער האט אינגאנצן פארגעסן אז ער האט אפגעשמועסט א צייט פאר זיי. "ווער ווייסט וויפיל צייט ווארט שוין דער רב אינדרויסן וועגן מיר". ר' יוד'ל האט עס נישט געקענט אראפשלינגען פון גרויס עגמת נפש, אבער דער קוממיות'ער רב האט אים בארואיגט אז נאר יעצט איז ער דא אנגעקומען.

"פון דעסוועגן", האט דער גביר געזאגט ווען ער פירט דעם רב און זיין באגלייטער צו זיין אפיס, "ענק האבן זיך געפלאגט און געקומען ביז דא. ענק האבן געקלאפט אויפן טיר און איך האב נישט געענטפערט, ענק האבן זיכער געהאט פון דעם גרויס עגמת נפש. איך מוז ענק איבערבעטן אויף דעם".

"איך וועל ענק געבן דאפלט פון וואס איך האב פריער געטראכט צו געבן", האט דער גביר געזאגט ווען ער זעצט זיך אראפ נעבן זיין שיינע טיש. אינמיטן רעדן האט ער ארויסגענומען זיין טשעק-ביכל און געשריבן א טשעק פון א ריזיגע סומע פאר 'קרן השביעית'.

"נו, איך האב דאך פריער פאר דיר אזוי געזאגט, 'מה' מצעדי גבר כוננו'", האט דער רב געזאגט פאר ר' ישראל'ן ארויסגייענדיג פון גביר; "עס איז טאקע אזוי, אויב וואלטן מיר אנגעקומען צו די באשטימטע שעה וואלטן מיר נישט באגעגנט דעם גביר און מיר וואלטן נישט באקומען אפילו די סומע וואס ער האט צוגעזאגט צו געבן. יעצט וואס צוליב די כבוד התפילה האבן מיר פארשפעטיגט, האבן מיר באקומען א דאפלטע שכר מן השמים".

'באר הגן' פר' בהר

shay עיצובים